**גוט שבת אלע אידן.** די פאלגענדע מעשה איז געשען בערך 10–15 יאר צוריק אין ארץ ישראל. עס איז אמאל געווען א פרייע משפחה וואס האט געהאט א ניין יעריגע אלט טאכטער. ווייבאלד די משפחה איז נישט געווען פרום, האבן די עלטערן געשיקט זייער טאכטער צו לערנען אין א פרייע סקול. די מאמע פון דער מיידל האט מורא געהאט צו שיקן דער מיידל אויף די באס צום סקול, צוליב די סכנה פון טערוריסטן וכו׳, דער אויבערשטער זאל אפהיטן. וועגן דעם, האבן די עלטערן געדינגען א דירה לעבן דעם סקול, כדי די מיידל זאל קענען גייען צו פוס צום סקול.

אלעס איז געווען פיין און וואויל ביז די עלטערן זענען געגאנגען וואוינען אין בני ברק. די איינציגסטע סקולס אין די געגענט זענען געווען פרומע חדרים און מיידל סקולס. ווייבאלד די מאמע האט נישט געוואלט שיקען דער מיידל מיט דעם באס, האט די מיידל באין ברירה געדארפט גיין צום פרומע מיידל סקול וואס איז געווען אין דעם געגענט. די עלטערן האבן געוואוסט אז זייער נישט פרום זיין איז געווען א סתירה, אבער, וואס האבן זיי געקענט טון? עס זענען נאר געווען פרומע סקולס אין דעם געגענט.

די מיידל האט שטארק הנאה געהאט צו לערנען אין דעם פרומען סקול. די טיטשערס און די מיידלעך זענען געווען זייער פריינדלעך מיט איר. איין טאג פרייטאג נאכמיטאג איז די מיידל אהיימגעקומען מיט א גרויסען שמייכל. די מיידל האט דערציילט ווי איר טיטשער האט אויסגעלערנט די מיידלעך ווי אזוי מען בענטשט שבת לעכט. די מיידל איז געווען אזוי פריילעך וועגן דעם מצוה פון צינדען שבת לעכט, אז זי האט אנגעהויבן צו זאגן די ברכה. די מאמע איז געווארן אביסל נערוועז, ווייל זיי זענען דאך געווען אינגאנצען פריי. ״דאס איז גאר שיין,״ האט די מאמע אנגעהויבן צו זאגן, ״אבער ווייסטו מיין טאכטער אז מיר צינדען נישט אן קיין שבת לעכט אין אונזער הויז פרייטאג צו נאכטס.״

״אבער... מאמי...״ האט די מיידל אנגעהויבן צו וויינען, ״מיין טיטשער האט געזאגט אז יעדע משפחה צינד אן שבת לעכט פרייטאג צו נאכטס, פארוואס אונז נישט?״

די מאמע האט זיך צוריקגעהאלטן צו פארציילן פאר׳ן קינד פארוואס זיי צינדען נישט אן קיין שבת לעכט. די מאמע האט נישט געוואלט מסביר זיין פאר׳ן קינד אז זיי זענען נישט געווען קיין שומר שבת. נאר וואס, די מאמע האט עס געוואלט מסביר זיין אויף א מער פאזעטייוו אופן... ״מיר בענטשן נישט קיין לעכט פרייטאג צו נאכטס, אבער מיר צינדען אן א לעכט לעילוי נשמת די געפאלענע סאלדאטן פון אלע מלחמות אין די מדינה...״

די מיידל איז געווארן אנטוישט, אבער זי האט זיך גע׳עקש׳נט צו בענטשן שבת לעכט, ווייל זי און אירע חברתה׳ס האבן אזוי געשטרעבט צו מקיים זיין דער מצוה. די מיידל האט זיך מיישב געווען אז זי גייט עפעס טון...

פאר מיר גיין ענדיגען די מעשה לאמיר אביסל רעדן פון שבת קודש. די תורה רעדט די וואך וועגן שבת קודש, אזוי ווי משה האט געזאגט פאר די בני ישראל: ״ראו כי ה׳ נתן לכם השבת...״ זע, אז דער אויבערשטער האט ענק געגעבן דער שבת. (שמות טז,כט) ״נתן לכם״ איז א לשון פון געבן א ״מתנה״. די מהות פון שבת קודש איז א מתנה צו די אידן. אזוי ווי חז״ל זאגן ״אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה: מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה וכו׳״ (שבת י:) אידישע קינדער זאלן זיך פרייען אז מיר האבן באקומען אזא גוטע מתנה ווי שבת קודש. איינע פון די וועגן ווי מען פרייט זיך אין שבת קודש איז דורך צינדען לעכט. איז לאמיר ענדיגען דער מעשה.

... די מיידל האט זיך גע׳עקש׳נט. זי האט אזוי שטארק געוואלט אנצינדען שבת לעכט, אזוי ווי אלע אירע חברתה׳ס אין סקול. נאך זי האט גענדיגט רעדן מיט איר מאמע איז זי שטילעהייט ארויסגעגאנגען פון דעם הויז און זי איז געגאנגען צום גראסערי. ביים גראסערי האט די מיידל געבעטן שבת לעכט פון דער פארקויפער. דער פארקויפער האט געוואוסט אז די מיידל׳ס משפחה איז נישט געווען קיין פרומע, וועגן דעם האט דער פארקויפער זיך פארגעשטעלט אז לכאורה האט די מיידל געמאכט א טעות, און אין אמת׳ן אריין האט די מיידל׳ס מאמע געשיקט איר צו קויפן יארצייט לעכט. ווייל אפילו די גאר פרייע אידן צינדען אן יארצייט לעכט פאר זייערע עלטערן. די מיידל איז אהיימגעגאנגען טאנצענדיגעהייט מיט גרויס שמחה מיט די צוויי יארצייט לעכט וואס זי האט געטראכט אז זיי זענען שבת לעכט.

די מיידל האט שטילעהייט אנגעגרייט די יארצייט לעכט אין איר צימער, נישט זאגענדיק גארנישט פאר איר מאמע. שפעטער ווען זי האט געזען אז די זון גייט אונטער, האט זי אנגעצינדן די יארצייט לעכט, מאכנדיק די ברכה אזוי ווי איר טיטשער האט איר און אירע חברתה׳ס אויסגעלערנט. זי האט זיך געזעצט ביים לעכט, קוקענדיג אויף די שיינע פלאם פון די פייער. אה, די שמחה פון א מצוה!

שפעטער איז דער טאטע אהיימגעקומען. באלד דערנאך האט די מאמע גערופן דער מיידל צו קומען עסן נאכטמאל. די מאמע האט איר א פאר מאל גערופן, אבער די מיידל איז נישט געקומען. די מאמע האט זיך שטארק געוואונדערט וואס קען זיין מיט דער מיידל אז זי קומט נישט? דער טאטע האט אויך א פאר מאל גערופען, אבער די מיידל איז דערווייל אלץ נישט געקומען. די מיידל איז געווארן אזוי אריינגעטון אין די לעכט, אז זי האט אפילו נישט געהערט ווי די מאמע און דער טאטע רופן איר צום טיש.

דער טאטע און די מאמע זענען געגאנגען צוזאמען צום צימער פון דער מיידל כדי צו זען וואס טוט זיך מיט איר. די עלטערן האבן געעפענט דעם טיר און זיי זענען דערציטערט געווארן ווען זיי האבן דערזען די מיידל זיצען קעגען צוויי יארצייט לעכט, ברענענדיק אויפ׳ן טיש. די מיידל׳ס מאמע האט אנגעקוקט די צוויי יארצייט לעכט און טרערן זענען ארויס פון אירע אויגן, ווייל די מאמע האט זיך דערמאנט ווען איר מאמע פלעגט אנצינדען יארצייט לעכט מיט טרערן פאר איר אייגענע עלטערן. די מיידל איז אויפגעשפרינגען פאן איר ארט אומרואיגעהייט, ווייל אירע עלטערן האבן איר ״געכאפט.״

״וואס גייט דא פאר?״ האט דער טאטע געפרעגט. ווייל דער טאטע האט נישט גוואוסט וואס זיין פרוי האט גערעדט מיט דער מיידל פריער אין דעם טאג. די מיידל האט גענומען א בליק אויפ׳ן לעכט און נאכדעם האט זי געקוקט אויף אירע עלטערן. די ווערטער וואס די מיידל האט נאכדעם גערעדט האבן געטוישט דעם לעבן פון דעם משפחה אויף אייביג. ״אחד לאבא ואחד לאמא.״ – איינס פאר טאטי און איינס פאר מאמי. האט די מיידל געזאגט. די מיידל האט געמיינט צו זאגן אז זי וויל אז די עלטערן זאלן זיך מיטפרייען מיט די מצוה. אבער, די עלטערן האבן פארשטאנדען אנדערש: איין לעכט פאר די טאטע וואס איז געווען אזוי ווי א טויטער ווייל ער האט זיך נישט געפירט אידיש, און די אנדערע לעכט פאר די מאמע וואס האט גע׳הרג׳עט דער טעם אין אידישקייט דורך אירע נישט לאזן אירע טאכטער בענטשן שבת לעכט.

די ווערטער פון די ניין יעריגע מיידל האבן געמאכט אזא רושם אויף די עלטערן אז זיי האבן זיך מיישב געווען צו ווערן בעלי תשובה. און אזוי איז עס טאקע געשען, די גאנצע משפחה איז געווארן פרום. פון דעמאלס און ווייטער האט דער טאטע צוגעשטעלט יעדע וואך שבת לעכט פאר די גאנצע בנין! אלעס דורך די כח פון שבת לעכט. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לכ״ק אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת לידת נכדתו אצל חתנו הרה״צ רבי יעקב יוסף שליט״א

רפואה שלימה להרה״צ רבי יעקב יוסף בן חי׳ חנה שליט״א בתוך שאר חולי ישראל

לעילוי נשמת האשה החשובה לאה בת ר׳ דוד ע״ה (זקנתו של מתתי׳ וואלפבערג), י״ח שבט תשד״מ

*״ונשיא לבני יהודה...״* מזל טוב למוה״ר יודל ליכטער שליט״א הי״ו לרגל שמחת נשואי נכדתו בשעטומ״צ

*״אלה תלדות יעקב יוסף...״* מזל טוב למוה״ר מנחם לעפפלער הי״ו לרגל שמחת לידת נכדו לחתנו מוה״ר יעקב יוסף פרידמאן הי״ו

*״את שבתתי תשמרו...״* מזל טוב למוה״ר שבתי דייטש הי״ו לרגל שמחת לידת בנו נ״י • *״למנצח מזמור לדוד...״* מזל טוב להרה״ג יחיאל מיכל שטיינמעץ שליט״א לרגל שמחת נשואי בנו חיים דוד נ״י בשעטומ״צ

לעילוי נשמת ר׳ נח בן ר׳ יודא ז״ל • רפואה שלימה לפערל בת אסתר, חיים שמואל צבי בן מלכה בתוך שאר חולי ישראל

שתיקה יפה בשעת התפילה *״כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.״* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג P.O. Box 334, Monsey, New York 10952 (845) 362-8425